ווילנער קאַפּיטלען
פֿון הירשע־דוד קאַץ

דער קענער אין קאָוונע

פֿונקט אַזוי, ווי מ׳קומט צו פֿאָרן צו בלומע כ״צן אין שטעטל סווינציאַן געוואָר ווערן וועגן אַלערלייִיקע תּחומען פֿון אַמאָליקן (און איצטיקן) לעבן פֿון ייִדן אין דער ליטע, אַזוי קומען באַהאָוונטע געסט פֿון אויסלאַנד, וועלכע באַזוכן די שטאָט קאָוונע, צו איצקע גאַווענדאַן צו גאַסט.

בשעת ווען בלומע כ״ץ האָט זיך געלערנט בײַ די גדולי־ייִדיש אין דער פֿאַרמלחמהדיקער ווילנע (בתוכם מאַקס ווײַנרײַך און משה קולבאַק), שטייט איצקע גאַווענדאַ אין דער לאַנגער טראַדיציע פֿון ייִדישע אויטאָדידאַקטן (אָדער, דאָס אויסצודריקן מער ייִדישלעך: „אַ ייִד וואָס לערנט פֿאַרזיך“). און בשעת ווען בלומע לעבט ביזן הײַנטיקן טאָג אין שטעטל פֿון אירע אָבֿות, סווינציאַן, לעבט איצקע הײַנט אין קאָוונע, טיף אין דער עטנאָגראַפֿישער ליטע, בעת אַז ער האָט פֿאַר דער מלחמה אין משך פֿון זײַנע יוגנט יאָרן געלעבט אין איגנאַלינע, אין „ווילנער געביט“ וואָס האָט געהערט צו פּוילן.

איצקע גאַווענדאַ איז אַפֿילו געבוירן געוואָרן אין 1920, אינעם יאָר ווען זשעליגאָווסקיס חיילות האָבן פֿאַר פּילסודסקין צוגענומען ווילנע און איר געביט פֿאַר פּוילן (דאָס האָט זיך כּידוע געהאַלטן ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סעפּטעמבער 1939). געבוירן געוואָרן איז איצקע אין דאָרף שאַקאַרווע, אַ קילאָמעטער אַכט פֿון איגנאַלינע (יאָ, דאָס איז די זעלביקע איגנאַלינע וואָס איז הײַנט באַוווּסט מיט איר קאָנטראָווערסאַלער סאָוועטיש־געבויטער אַטאָם־סטאַנציע).

איצקע אַליין איז אָנגעשטאָפּט מיט ייִדיש וויסן, סיי רעליגיעז־רבניש, און סײַ סעקולער־וועלטלעך, און מיט אַלערליי פּרטי־פּרטים פֿון דער ייִדישער געשיכטע פֿון ליטע און דעם צווישנמלחמהדיקן צפֿון־מזרחדיקן פּוילן. ער נעמט אויף האַרציק אין זײַן שיינער שטוב אויף אַ רויִק קאָוונער געסל און הייבט אָן געוויינלעך מיט אַ היסטאָרישן אַנעקדאָט, למשל: „איר האָט געוווּסט אַז אין 1919, איידער זשעליגאָווסקי האָט פֿאַרנומען ווילנע פֿאַר פּוילן, האָט די גרענעץ געזאָלט זײַן צווישן דער נײַער ליטווישער רעפּובליק און דעם נײַעם ראַטן־פֿאַרבאַנד? די רוסן האָבן געשיקט אַ ייִדן, דעם הויך־קאָמיסאַר יאָפֿען, ער זאָל זיי פֿאַרטרעטן אין די אונטערהאַנדלונגען. האָבן די ליטווינער געשיקט זייער וויצע־מיניסטער ראָזענבוימען. נאַטירלעך אַז יאָפֿע מיט ראָזענבוים האָבן גענומען ריידן צווישן זיך ייִדיש, וואָדען? האָבן זיי גלײַך אויפֿן אָרט מסכּים געווען, אַז דאָרטן ווו די מערהייט זײַנען ליובאַוויטשער, ווו מען הייבט אָן דאַווענען נוסח־ספֿרד פֿון ׳הודו׳ וועט געהערן: רוסלאַנד. דאָרטן פֿאַרקערט ווו מען הייבט אָן פֿון ׳ברוך שאָמר׳ איז די מערהייט אַ מתנגדישע און דאָס דאַרף געהערן: ליטע. האָבן זיי גלײַך אויפֿן אָרט אַלצדינג אויסגעגליכן.

איצקע אַליין טײַטשט אויס אַז זײַן ליבשאַפֿט צו געשיכטע שטאַמט פֿון אַ גאָר יונגן עלטער. פֿון זײַנע דרײַ ביז צו זײַנע זיבן יאָר האָט ער געלעבט אין לינגמיאַן, אַ שטעטעלע וואָס איז פֿאַרבליבן האַרט אויף דער גרענעץ צווישן צוויי נײַע מלוכות וואָס זײַנען געווען אויף מעסערשטעך: די ליטווישע און די פּוילישע רעפּובליק. אַ דרײַ פֿערטל לינגמיאַן האָט געהערט פּוילן, אַ פֿערטל צו ליטע, נאָר דער בית־עולם איז פֿאַרבליבן אויף דער ליטווישער זײַט גרענעץ.

איצקען פֿאַרגעדענקט זיך, אַז ביז אין די מיטן צוואַנציקער יאָרן, פֿלעגן פֿאָרקומען אָפֿטע שיסערײַען צווישן די ליטווינער און פּוילישע גרענעץ־וועכטער. מ׳פֿלעגט אינמיטן נאַכט אַריבער אויף יענער זײַט, אָנמאַכן אַ שטיקל חורבן און זיך האַסטיק צוריקציִען. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך אין דער צווישנמלחמהדיקער ייִדישער געשיכטע אין יענע מקומות, אַז די אָפֿיציעלע ייִדישע קהילות, סײַ אין פּוילן און סײַ אין ליטע, האָבן באַוויזן אויספּועלן בײַ די ביידע צווישן זיך פֿײַנטלעכע מלוכות, אַז איין מעת־לעת אַ יאָר – אום תּשעה־באָבֿ, ווען ייִדן קומען אויפֿן בית־עולם אויף קבֿר־אָבֿות – זאָל מען צוריקציִען די וואַך און צולאָזן די ייִדן צום בית־עולם.

וואָס האָט פּאַסירט? הגם לינגמיאַן איז אַ פּיצינק שטעטעלע („אַ האַלבער דאָרף“) און דער בית־עולם אַ קליינער, האָבן הונדערטער (צי אַפֿילו טויזנטער) ייִדן אַלע יאָר אויסגענוצט די געלעגנהייט, געוואָרן אויף אַ טאָג „לינגמיאַנער“ און זיך געטראָפֿן מיט קרובֿים פֿון יענער זײַט גרענעץ מיט וועמען זיי האָבן זיך ניט געקענט טרעפֿן אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר צוליב דער פּויליש־ליטווישער גרענעץ וואָס איז געווען יענע יאָרן פֿאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער...

בײַ ייִדן פֿון יענע מקומות איז אַפֿילו פֿאַרבליבן אַ ייִדיש ווערטל, וואָס מען ווענדט אָן דעמאָלט ווען מען שליסט זיך אין עפּעס אָן צײַטווײַליק צוליב אַ פּראַקטישן צוועק: „אַ לינגמיאַנער בין איך!“

איצקעס טאַטע פֿײַוול איז געווען אַ פֿישער („אַלע גאַווענדאָס זײַנען אַמאָל געווען פֿישערלײַט“, פֿאַרזיכערט ער).

איצקע גאַווענדאַן

די געגנט פֿון וואַנעט זיי שטאַמען (שאַקאַרווע, איגנאַלינע, לינגמיאַן) איז רײַך מיט אָזערעס און טײַכלעך.

צו זײַנע זיבן יאָר פֿאָרט אַריבער די משפּחה אין איגנאַלינע וואָס איז יענע יאָרן אויסגעוואַקסן פֿון אַ דאָרף ביז צום מעמד פֿון אַ שטעטל. אַזוי ווי יעדער ייִנגל וואָס פֿאָרט אַריבער פֿון אַ פּיצינק ייִשובֿל אין אַ גרעסער שטעטל, איז דער יונגער איצקע געווען פֿאַרכאַפּט מיט איגנאַלינע, און מער פֿון אַלצדינג, מיט דער ייִדישער ביבליאָטעק וואָס איז געווען אין דער ייִדישער שול. ער געדענקט גוט די לערערקע בלומקע קראַוויץ וואָס פֿלעגט אים אויסלײַען די ביכער וואָס ער האָט תּיכּף „אויפֿגעפֿרעסן“.

מיט אַ סך ליבשאַפֿט און בענקשאַפֿט געדענקט ער אויך זײַן ייִדישן לערער, וועלכער האָט בײַ אים איבערגעלאָזן אַ לעבנלאַנגע געטרײַשאַפֿט צו ייִדיש. דאָס איז געווען דער ייִדישער פּאָעט ברוך אַליצקי (1907 – אומגעקומען 1941), ברודער פֿונעם באַוווּסטן ניו־יאָרקער ייִדישן פּאָעט מאַטעס אַליצקי, אים צו לאַנגע געזונטע יאָר.

בעת־מעשׂה האָט ער זיך ייִנגלווײַז באַפֿרײַנדעט מיטן איגנאַלינער רבֿ ר׳ משה־אַהרן חייט און מיטן שוחט ר׳ טאַנע (תּנחום) כ״ץ.

אַז ס׳האָט זיך גענומען אין וועג די נאַצי־דײַטשישע אינוואַזיע דעם 22סטן יוני 1941, האָט איצקע גאַווענדאַ באַשלאָסן „ניט צוּוואַרטן און זען“. דעם 23סטן אינמיטן נאַכט איז ער אַנטלאָפֿן טיף אין רוסלאַנד, געאַרבעט אויף אַ קאָלכאָז און בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט אַרײַן אין דער אַרמיי און העלדיש געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט ביזן סוף פֿון דער מלחמה.

נאָך דער מלחמה איז איצקע גאַווענדאַ געוואָרן בײַ דער סאָוועטישער מאַכט דער הויפּט־עקספּערט איבער – רויע פֿעלכלעך, פֿון אַלערליי בעלי־חיים, צווישן זיי נאָרקעס, רויטע פֿוקסן, קאַראַקל, שמוישן, און אַנדערע. ער האָט זיך אויפֿגעאַרבעט ביז צום שטאַנד פֿון דירעקטאָר פֿון סאָוועטישן קאָנטאָר וואָס האָט אײַנגעקויפֿט פֿעלעכלעך פֿון אומעטום אויף פֿרויען־קליידונג.

אין משך פֿון אָט דעם סאָוועטישן האַלבן יאָרהונדערט, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט פֿאַרלאָרן דעם ברען צום לערנען. ווײַטער שטילערהייט געלייענט און געלערנט, אָנטיילגענומען אין דער קאָוונער „כאָר־שול“ (די איינציקע פֿונקציאָנירנדיקע אין די נאָכמלחמהדיקע יאָרצענדליקער).

אַז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך. אויס סאָוועטישע מאַכט, און אויפֿגעקומען די נײַע פֿרײַע ליטע. ייִדן פֿון אויסלאַנד האָבן גענומען פֿאָרן אויך אין קאָוונע זוכן זייערע וואָרצלען. הגם ער איז ניט קיין קאָוונער, האָט איצקע גאַווענדאַ זיך אויסגעלערנט ניט ווייניקער וועגן פֿאַרמלחמהדיקן קאָוונער ייִדישן לעבן איידער די פּראָפֿעסיאָנעלע וועגווײַזער פֿון די טוריסטן־אַגענטורן. נאָר וואָס, ער בעט ניט קיין געלט דערפֿאַר, אים איז די גרעסטע פֿרייד טיילן מיט אַנדערע פֿון זײַן אומגעהײַער גרויס וויסן.

צי עס גייט אין דער געשיכטע פֿון די ראָשי־ישיבֿה פֿון וואָלאָזשין, צי אין דעם איבערגאַנג פֿון ייִדן פֿון די דערפֿער אין די שטעטלעך אַרײַן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, צי אין דער צווישנמלחמהדיקער ייִדישער געשיכטע, וועט איצקע אָן הקדמות דערלאַנגען פּרטימדיקע באַלערנדיקע לעקציעס. אַ ספֿק וויפֿל ייִדישע פּראָפֿעסאָרן איבער דער וועלט זײַנען דאָס אַלץ מסוגל...

בלײַבט נאָר דעם „קענער פֿון קאָוונע“ צו ווינטשן געזונט, גליק און אַריכת־ימים. □

ייִדן אין אוקראַיִנע צופֿרידן וואָס די „ייִדן פֿאַר יעזוסן“ האָבן געליטן אַ מפּלה

פֿון לעוו קריטשעווסקי („ייִט״אַ“)

מאָסקווע. – די לאָקאַלע אינסטאַנצן אין אוקראַיִנע האָבן פֿאַרבאָטן די מיסיאָנערישע טעטיקייטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע „ייִדן פֿאַר יעזוסן“, און דאָס איז צום גרעסטן טייל אַ דאַנק די ייִדישע אַקטיוויסטן דאָרט.

דער פֿאַרבאָט אויף דער „שמד־קאַמפּאַניע“ מצד די „ייִדן פֿאַר יעזוס“ און אַ לאָקאַלן, פּראָטעסטאַנטישן קלויסטער, איז געקומען אַ דאַנק שטאַרקע ייִדישע פּראָטעסטן אין דער מזרח־אוקראַיִנישער שטאָט דניעפּראָפּעטראָווסק.

ייִדישע אַנטי־מיסיאָנערישע אַקטיוויסטן זאָגן, אַז דער פֿאַרבאָט אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז דער ערשטער זיג וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אין דעם געוועזענעם סאָוועטן פֿאַרבאַנד, ווו אין טייל ערטער זענען מער ייִדן פֿאַרבונדן מיט די „ייִדן פֿאַר יעזוסן“ אונטערנעמונגען ווי אין ייִדישע אַקטיוויטעטן.

דער אוקראַיִנישער אָפּטייל פֿון „ייִדן פֿאַר יעזוסן“, וואָס זײַן הויפּט־קוואַרטיר געפֿינט זיך אין סאַן־פֿראַנציסקאָ, האָט באַשולדיקט די רעגירונג און די ייִדישע אַנטי־מיסיאָנערישע אַקטיוויסטן, אַז זיי האָבן עובֿר געווען אויף זייערע רעכט פֿאַר רעליגיעזער פֿרײַהייט מיטן דרוק וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף דער אָרטיקער רעגירונג.

תּלמידים פֿון דער לאָקאַלער ישיבֿה און מיטגלידער פֿון אַ ייִדישן סעקולערן קלוב האָבן געהאַט אָנגעטאָן העמדלעך מיט דער אויפֿשריפֿט „שטעלט אָפּ די מיסיאָנערן“ און האָבן פֿונאַנדערגעטיילט זייערע אייגענע פֿלוגבלעטלעך צו די זעלבע מענטשן וואָס האָבן באַקומען די בלעטלעך פֿון די „ייִדן פֿאַר יעזוסן“.

אין די 20 טעג וואָס די קאַמפּאַניע מצד די „ייִדן פֿאַר יעזוסן“ האָט אָנגעהאַלטן, האָבן די ייִדישע אַקטיוויסטן אויסגעטיילט 36 טויזנט אַנטי־מיסיאָנערישע בלעטלעך. די „ייִדן פֿאַר יעזוסן“ זאָגן, אַז זיי האָבן אויסגעטיילט איבער 370 טויזנט בראָשורן און האָבן געפּועלט בײַ 96 ייִדן און 196 נישט־ייִדן אָנצונעמען יעזוס ווי זייער אויסלייזער. די אָרגאַניזאַציע האָט אויך אַ וועב־זײַטל אויף דער אינטערנעץ.

איבער 200 ייִדן האָבן געגעבן זייערע אַדרעסן צו די מיסיאָנערן צו באַקומען פֿון זיי ליטעראַטור, ווי עס דערקלערן די מיסיאָנערן. ייִדישע אַקטיוויסטן זאָגן אָבער, אַז די דאָזיקע ציפֿערן זענען שטאַרק איבערגעטריבן און אַז די מיסיאָנערן האָבן ווייניק־וואָס דערגרייכט. □